**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 08/21/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## אין דער מיט פון א היסטארישע אינוועסטירונג, נאמינירט גאווערנער האקול אשלי וואלדן אלץ נעקסטע פרעזידענט און CEO פון אלימפיק ראיאנאלע אנטוויקלונג אויטאריטעט

### *מייק פרעט גייט ארויס אויף פענסיע נאך דינען 38 יאר*

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט רעקאמענדירט אשלי וואלדן צו דינען אלס די נעקסטע פרעזידענטקע און CEO פון דער ניו יארק סטעיט אלימפיקס ראיאנאלע אנטוויקלונג אויטאריטעט. זי נעמט איבער מייק פרעט, וואס גייט ארויס אויף פענסיע נאכן זיין מיטן ארגאניזאציע 38 יאר. די אלימפיק אויטאריטעטס דירעקטארן האבן געוויילט צו נאמענירן מס. וואלדן נאכן זוכן עטליכע חודשים.

"מזל-טוב פאר אשלי וואלדן, וואס ברענגט איבערגעגעבנקייט, פירערשאפט און א טיפע וויסנשאפט וועגן ספארטס פאר דער אלימפיק ראיאנאל אנטוויקלונג אויטאריטעט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך וויל באדאנקען מייק פרעט פאר זיין 38 יאר פון איבערגעגעבנקייט און פירערשאפט פון דער אלימפיק אויטאריטעט, וואס איז געווען פון די בעסטע אין אלימפיק אויטאריטעטס היסטאריע. בויענדיג אויף דער סטעיטס לעצטע אלגעמיינע אינוועסטירונגען אין אונדזער אלימפיק פאסיליטיס און דער הצלחה'דיגע FISU 2023 וועלט אוניווערסיטי שפילן, איז דער צוקונפט פון ווינטער ספארטס אין ניו יארק סטעיט בלאנקנדיג."

וואלדן איז געווען א גערעטענע אטלעט מיט USA לודזש אויף אויף דער אלימפיק און וועלטבעכער שטאפל איידער איבערגייען צו דער לעצטער פירערשאפט ראלע. זי טרעט אריין אין די אלימפיק אויטאריטעט נאכן סערווירן אלץ עקזעקוטיווע דירעקטארין פון דער אדיראנדעקס ספארטס קאונסיל, וואו זי האט רעקלאמירט ספארט און אטלעטישע אנטוויקלונג אין דעם ראיאן. וואלדן האט ארגאניזירט די 2023 ווינטער וועלט אוניווערסיטעט שפילן, א מולטי-ספארט קאלעדזש פאסירונג וואס האט פארבונדן איבער 50 לענדער און אומגעפער 600 אוניווערסיטיס. פאר דעם, אלץ דירעקטארין פון ספארט און אפעראציעס פאר USA באבסלעד און סקעלעטאן, האט וואלדן אנגעפירט א רעקרוטיר און אנטוויקלונג באמיאונג פאר ביידע ספארטס צו שטיצן געוואוקס און שפיץ רעזולטאטן פאר די אטלעטן.

**אלימפיק אויטאריטעט ראָט פארזיצער דזשאו מארטענס האט געזאגט**, "אשלי'ס דערגרייכונג, ערשטנס אלץ אטלעט און יעצט אלץ אן עקזעקוטיוו, לויפן פאראלעל. זי שטעלט אוועק איינרייסערישע צילן, קומט ביי פארמעסטונגען, און אינספירירט אנדערע צו דערגרייכן זייער פולן פאטענציאל. עס איז ביי מיר קיין שום ספק נישט אז זי וועט טון דאס אייגענע אלץ דער אלימפיק אויטאריטעט'ס פרעזידענטקע און CEO, אריינטרעטנדיג אין מייק פרעטס ריזיקע פוסטריט."

מייק פרעט איז געווען דער אלימפיק אויטאריטעט'ס פרעזידענט און CEO זינט פעברואר 2017. אין לויף פון זיין אמטפארנעם, האט ניו יארק סטעיט אינוועסטירט מער ווי 600$ מיליאן אין דער אלימפיק אויטאריטעט פאסיליטיס צו העלפן באפעסטיגן די פאזיציע פון ניו יארק סטעיט אלץ א גלאבאלע ווינטער

ספארט דעסטינאציע. די הויפט טראנספארמאציעס און מאדערניזאציעס זענען אויסגעפירט געווארן מיטן ציל אויף אויסהאלטעוודיגקייט און פינאנציעלע פאראנטווארליכקייט . די וועניוס זענען כולל מט. וואן האעווענבערג, דער אלימפיק צענטער, דער אלימפיק שפרונג קאמפלעקס, און  דער אלימפיק אויטאריטעט'ס דריי סקי פלעצער בעלעיר מאונטן, גאור מאונטן און ווייטפעיס מאונטן. די פאסיליטיס זענען  אפן א גאנץ יאר פאר געשעענישן, אטלעטישע טרענירונג און פארווייילונג, בשעת'ן צושטעלן ערשט-קלאסיגע ערפארונגען און פארמעסטן.אין צוגאב פון די זעקס טרעפפונקטן אין די אדיראנדעקס און קעצקילס, טוט דער אלימפיק אויטאריטעט פארוואלטן דעם לעיק פלאסיד אלימפיק מוזיי און לעיק פלאסיד קאנפערענץ צענטער. די ארגאניזאציע פארמאגט אויך די US אלימפיק און פאראלימפיק טרענירונג צענטער, די US לוזש אסאסיאציע פאסיליטי, און די אלימפיק אויטאריטעט'ס קארפאראטיווע אפיסעס, אלע געפונען זיך אין לעיק פלאסיד.

לעצטן ווינטער האט ניו יארק ענטפאנגען 68.5 מיליאן באזיכער, אויפטרייבנדיג איבער $16.1 ביליאן אין דירעקטע שפענדונגען פון באזיכער.דער אלימפיק אויטאריטעט איז אריבערגעשטיגן א מיליאן באזוכנס צו די וועניוס אין דעם 2022/2023 פיסקאל; עס האט כולל געווען רעקארד ברעכנדיגע געוואוקס אין סעזאן פעסער און אפעראציאנעלע הכנסה ווי אויך א פארברייטערטע פארנעם פון דער אלימפיק אויטאריטעט ביזנעס טיילן און גאנץ-יעריגע אקטיוויטאטן.  טוריזם עקאנאמיקס האבן איבערגעגעבן אז די אלימפיק אויטאריטעט האט דערלאנגט א $341.8 מיליאן עקאנאמישע פראל פאר ניו יארק סטעיט אין דעם 2022/2023 פיסקאלן יאר, א 119 פראצענטיגע פארמערונג פון דעם $156 מיליאן וואס איז באריכט געווארן אין 2016/2017.

די אלימפיק אויטאריטעט דירעקטארן-קאלעגיעס האבן געטראפן וואלדן צו זיין א פירערין וואס וועט בויען אויף דער אלימפיק אויטאריטעטס עקאנאמישע סוקצעס און וועט ווייטער אויסניצן די וועניו אינוועסטירונגען וואס ניו יארק סטעיט האט געמאכט. גאווערנער האקולס 2023/2024 עקזעקוטיווע בודזשעט רעכנט אריין $92.5 מיליאן אין קאפיטאל צושטייער צו ווייטער פארבעסערן און אויפהאלטן די אלימפיק אויטאריטעטס וועניוס און פאסיליטיס.

**אסאסיאציע פון אינטערנאציאנאלע אלימפיק ווינטער ספארט פעדעראציעס פרעזידענט איווא פעריאני האט געזאגט,** "מיט אשלי וואלדן, וועט דער אלימפיק אויטאריטעט האבן א געוואלדיגע נייע CEO. זי האט אלע פעאיגקייטן וואס מ'דארף האבן אנצופירן אזא וויכטיגע ארגאניזאציע וואס דער אלימפיק אויטאריטעט איז. איך בין ספעציעל שטאלץ צו האבן געזען ווי זי איז געוואקסן פון א גליטשערין אטלעט צו א ספארטס און ביזנעס אנפירער."

**US אלימפיק און פאראלימפיק קאמיטע וויצע פרעזידענטקע אלימפיק הויך דערגרייכונג קעלי סקינער האט געזאגט,** "איך בין דערקוויקט צו צולייגן מיין מזל-טוב פאר אשלי און איך בין אויפגעהייטערט צו ארבעטן מיט איר אין דער ראלע אלץ CEO פון דער אלימפיק אויטאריטעט.איר שטארקע ערפארונג אין פארמעסט ספארט און ספארט אדמיניסטראציע וועט זיין גרויסארטיג פאר דעם ראיאן, און פאר אלע אטלעטן - יעצטיגע און צוקונפדיגע דורות - וואס לעבן און טרענירן דארט. א דאנק אויך פאר מייק פרעט פאר דער ארבעט וואס ער האט געטון אויפצולעבן די וועניוס אין לעיק פלאסיד. ער האט איבערגעלאזט א ירושה פון סערוויר-אטלעטן און די קאמיוניטי וואס האט אייגעארדנט אז אשלי זאל שטארק מצליח זיין."

**סטעיט סענאטאר דן סטעק האט געזאגט,** "מייק פרעט האט רעפרעזענטירט די אלימפיק אויטאריטעט מיט א דיפערענץ פאר 38 יאר און איך גראטוליר אים פאר זיין גוט-פארדינטע פענסיאנירונג. אים נאכצופאלגן פארלאנגט זיך א פעאיגע, שטארק איבערגעגעבענע מענטש, דערפאר בין איך דערפרייט אז אשלי וואלדן וועט איבערנעמען זיין פאסטן. זי האט געטון אויסגעצייכנטע ארבעט אלץ עקזעקוטיווע דירעקטארין פון דער אדיראנדעקס ספארטס קאונסיל און איר ערפארונגען אלץ אן אלימפישע אטלעט

מאכט איר אויסערגעוויינטליך קוואליפיצירט צו זיין די נייע פרעזידענטקע און CEO פון דער אלימפיק אויטאריטעט. איך ווינטש איר הצלחה אויף דעם באשטימונג און קען זיך קוים ערווארטן צו ארבעטן מיט איר צו פארזיכערן אז אונדזער ראיאן'ס אלימפיק פאסיליטיס בלייבן פארניצט און א וויכטיגער חלק פון אונדזער קאמיוניטיס."

**אסעמבלימיטגליד בילי דזשאונס האט געזאגט,** "מזל-טוב צו אשלי וואלדן פאר איר נייע פאזיציע אלץ CEO און פרעזידענטקע פון דער אלימפיק אויטאריטעט. זי האט געשפילט א ממשות'דיגע ראלע צו ברענגען די FISU וועלט אוניווערסיטעט שפילן צו די אדיראנדעקס, און אירע יארן אלץ אן איינגעשטעלטער און אלץ אן אמעריקאנער לוזשוועט זיין א גרויסע פארמאג פארדער אלימפיק אויטאריטעט, און איך קוק זיך ארויס צו ווייטער ארבעטן צוזאמען."

**צפון עלבא שטעטל אויפזעער דערעק דאטי האט געזאגט,** "דאס שטעטל פון צפון עלבא טוט ווארעם באגריסן און גראטולירן אשלי וואלדן ווי זי איז ממשיך דעם לעגאט פון הצלחה וואס דער שטעטל און די אלימפיק אויטאריטע האבן ביידע.מיר קוקן זיך פאראויס אויף א לאנגע שותפות וואס וועט שיינען דעם פראיעקטאר אויף ווינטער ספארטס אויף ביידע, ניו יארק און די אדיראנדעקס."

**דזשאנסבורג שטעטל אויפזעער מארק סמיט האט געזאגט,** "מיר זענען געווען זייער מזלדיג צו האבן געהאט מייק פרעט ביי גאור מאונטן און דערנאך אלץ פרעזידענט און CEO פון דער אלימפיק אויטארעטעט.ער גייט אייביג די עקסטרע טריט און האט פאזיטיווערהייט צושטייער געגעבן צו דער ראיאנאלע הצלחה פונעם שטעטל פון דזשאנסבורג ווי אויך די אנגייענדיגע איבעראנטוויקלונג אין דער נאורט קריט סקי באועל. דער ווינטער וועט זיין דער 90סטן יארטאג פון דער ערשטער שניי באן וואס האט געבראכט ווינטער ספארטס ענטוזיאסטן קיין נאורט קריק. מיר ערווארטן זיך צו פייערן די מיילשטיינער מיט דער נייער CEO אשלי וואלדן אזוי ווי דער אלימפיק אויטאריטעט פארשפרייט אירע גאנץ-יעריגער עקאנאמישע השפעה."

**שאנדאקן שטעטל אויפזעער פיטר דיסקלאפאני האט געזאגט,** "דאס שטעטל פון שאנדאקן און דעם אויפזעערס אפיס האבן געהאט א לאנגע און רעספעקטפולע באציאונג מיט מייק פרעט און מיר זענען דאנקבאר דערפאר און ווינטשן אים דאס בעסטע אלץ פענסיאנער; מיר זענען זיכער אז דאס וועט ווייטער אנגיין מיט אשלי וואלדן. און מיר קוקן זיך אויס צו ארבעטן אין דער צוקונפט צוזאמען."

**ווילמינגטאן שטעטל אויפזעער רוי האלצער האט געזאגט,** "אלץ ווילמינגטאן שטעטל אויפזעער, קוק איך זיך אויס צו ארבעטן מיט אשלי וואלדן אין איר נייע ראלע אלץ CEO פון דער אלימפיק אויטאריטעט און דאנק מייק פרעט פון זיין אויסערגעוויינטליכער פירערשאפט און וויזיע."

**EDC ווארען קאונטי פרעזידענט דזשים סיפלאן האט געזאגט,** "מיר גראטולירן מייק פרעט פאר א מערקווערדיגע קאריערע און פאר זיין פירערשאפט צו פארזיכערן אלימפיק אויטאריטעט און אירע פאסיליטיס זאלן קענען ווייטער זיין א יסודות'דיגע טייל פון אונדזער ראיאנאלע אדיראנדעק עקאנאמיע פאר דורות. מייק איז געווען א שטארקע שטימע אויף אונדזער EDC באורד יארן לאנג און א פעסטע אדוואקאט פארן אנגייענדיגע אויפגאבע פון בויען א אויסהאלטעוודיגע עקאנאמיע איינשטימיג מיט אונדזער ראיאנס נאטירליכע פארמעגנס.מיר נעמען אָן הארציג אשלי'ן, א פירער מיט ספעציעלע ערפארונגען און פעאיגקייטן אלץ א שטאלצער פראדוקט פון דער אלימפיק אויטאריטע אינוועסטירונג און אונדזער ראיאן, אויף איר נייע ראלע. מיר קוקן זיך אויס אויף א שיינעוודיגע צוקונפט מיט דער אלימפיק אויטאריטעט און אשלי ווי מיר ארבעטן צוזאמען צו שאפן א קאמיוניטי און עקאנאמיע וואס איז גוט פאר אלע אין אונדזער כאראקטאריסטישן ראיאן."

**לעיק פלאסיד דערפל מייאר ארט דעוולין האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר האבן יעצט אלע אליין געזען, איינע פון אשלי'ס כוחות איז צו קענען ארבעטן מיט אנדערע און צוזאמענשטעלן א מאנשאפט צו טון וואס מ'דארף, וואס די הצלחה פון די וועלט אוניווערסיטעט שפילן האבן ארויסגעוויזן. ניצנדיג אלע רעסורסן וואס דער אלימפיק ראיאן האט פאַרצולייגן, קוק איך זיך אויס צו זען ווי אשלי טוט דאס זעלבע זאך ביי דער אלימפיק אויטאריטעט.בעת, דאס דערפל קוקט זיך אויס צו ארבעטן מיט אשלי'ן, איז עס ביטער-זיס אז מיר וועלן פארלירן מייק פרעט. מייק האט געטון אויסגעצייכנטע ארבעט נעמענדיג אלע זיינע ערפארונגען און אויסהערן יענע אונטער אים צו ווידער-צילן און איבערבויען אלע אלימפיק וועניוס אויף וועלכע מ'קען זיך נישט שטעלן, זענען צווישן די בעסטע אין דער וועלט. אין מיין נאמען און אין דער נאמען פון דאס דערפל פון לעיק פלאסיד ווינטשן מיר אן פאר מייק'ן אויף זיין ארויסגיין אויף פענסיע און צו אשלי'ן אין איר נייע אונטערנעמונג."

**מיט-פארזיצערין פון די קאאליציע פאר בעלעיר אנעלא ווייט-דיגנעס האט געזאגט,** "די קאאליציע פאר בעלעיר וויל קודם כל באדאנקען מייק פרעט פאר זיין אויסערגעוויינטליכע אויפטוען אין ORDA און ווינטש אים אלעס גוטס אין זיין פענסיאנירונג. מיר קוקן זיך אויס צו ענטפאנגען די נייע פרעזידענטקע און CEO אשלי וואלדן צו די ORDA, און צו בעלעיר מאונטן.מיר זענען מלא-שמחה מיטצוארבעטן מיט איר צו ווייטער וואקסן אלימפיק אויטאריטעטס פאזיטיווע עקאנאמישע השפעה דא אין די קעצקילס און איבער גאנץ ניו יארק סטעיט. ווער קען דען פארשטיין בעסער פון אן אלימפישע צו פירן און מאכן וואקסן די אלימפישע התלהבות אין ניו יארק סטעיט."

**וועגן די אלימפיק אויטאריטעט**

אוועקגעשטעלט אין 1982, איז דער ניו יארק סטעיט אלימפיק ראיאנישע אנטוויקלונג אויטאריטעט (אלימפיק אויטאריטעט) געשאפן געווארן דורך ניו יארק סטעיט צו פארוואלטן אויף די איינריכטונגען וועלכע זענען גענוצט געווארן דורכאויס די 1980 אלימפישע ווינטער שפילן ביי לעיק פלאסיד. די אלימפיק אויטאריטע אפערירט ווייטפעיס, בעלעיר, און גאור מאונטנס, מט. וואן האעווענבערג, דער דזשעימס בי. שעפיעלד ספיעד סקעיטינג אָוועל, דער אָלימפיק דזשאָמפינג קאמפלעקס, און דער אָלימפיק צענטער. אלץ אויפנעמער פאר די אינטערנאציאנאלע, נאציאנאלע און ארטיגע פאסירונגען, זענען די אלימפיר אויטאריטעטס וועניוס ציל-ערטער און עקאנאמישע קאטאליסטן פון די ראיאנען וואו זי סערווירט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן